# וויכטיגע אויפקלערונג איבער דעם "כשר לפסח" נאט-אולא אויל.

ווי באוואוסט, ווערט ביי אונז אין גרעיטער ניו יארק גענוצט - אויך אין אלע פרומע אידישע הייזער - אין פסח דער "נאט-אולא" אויל כשר לפסח מיט דעם הכשר פון א באקאנטען רב אין בארא פארק.

איך וויל דא נישט באהאנדלען דעם גוף ההיתר פון דעם קאטאן-סיד (זרעוני פשתן) אויל אין פסח (זעה, שו"ת בית שערים חאו"ח סי' רט"ו, תשו' זכרון יהודה ח"א סי' קל"ט, תשו' יד יצחק ח"ג סי' ח', תשו' חלקת יעקב ח"ב סי' ע"א. תשו' בית אבי ח"ב סי' י"א, ועוד) אזוי ווי עס איז ארויס להיתר פון גדולי התורה וועלכע האבען געגעבען זייער הכשר אויף אים, דארפען מיר עס אננעמען אז מען קען עס נוצען אין פסח.

איך וויל דא בלויז אויפקלערען די געשיכטע פון דער השגחה לפסח פון דעם פראדוקט, מיט ארום צוואנציג יאר צוריק האט זיך כ"ק מרן הגאון הקדוש מסאטמאר זצ"ל געווענדעט צו א באקאנטען גאון וצדיק זצ"ל וועלכער האט דעמאלס געגעבען זיין הכשר אויף דעם דערמאנטען אויל, אלס כשר לפסח, צו די השגחה אויף דער פראדוקציע פון דעם אויל איז משעת קצירה, וואס הייסט אז די השגחה איז אויך אויף די זאמען פון וואס דער אויל איז געמאכט, אויב עס איז נישט פאראן אין זיי א חשש הערובבות חמץ, און דער רב האט אים געענטפערט אז די השגחה איז נאר משעת עשי', ד"ה פון ווען מען האט אנגעפאנגען די פראדוקציע פון דעם אויל, בארבן, מען נעמט אריין די רויע סחורה פון דער פירמע "פראקטער און געמבעלס" און מען ארבעט דאס אויס תחת השגחה ביי "נאט-אולא" דורך א געוויסע פראצעדור צו מאכען פון איר דעם אויל (שמן עב) האט כ"ק רבינו זצ"ל געהייסען דאס די "התאחדות הרבנים" צוזאמען מיט דעם אויבען ערוועהנטען רב המכשיר זאלען אראנזשירען אז די השגחה זאל זיין משעת קצירה, וכך הוה, איין יאר איז דער אויל געמאכט געווארען משעת קצירה, ווי כ"ק רבינו זצ"ל האט געהייסען, אבער מיט א יאר שפעטער האט דער גאון וצדיק זצ"ל דער רב המכשיר ארונטער גענומען זיין השגחה פון דעם אויל, צוליב די מעשים אשר לא יעשו פון דער "התאחדות הרבנים", אזוי אז די השגחה איז געבליבען בי די "התאחדות הרבנים" אליין, און זי האט באשטימט א רב איינער פון אירע עסקנים דאס ער זאל געבען די השגחה, מיט א קורצער צייט שפעטער האט מען זיך דערוואוסט אז די השגחה פון שעת קצירה איז לא הי' ולא נברא....כ"ק רבינו זצ"ל האט זיך שטארק געערגערט וועגען דעם מורא'דיגען שווינדעל, און האט פאראדענט אז די "התאחדות הרבנים" צוזאמען מיט שטמאר קהלה זאל נעמען די זאך אין דער האנט און זיך נישט פארלאזען אויף קיינעם.

ווען דער "מדריך הכשרות" האט געמאלדען וועגען דעם סקאנדאל, איז דער חרדי'שער עולם אויף געשוידערט געווארען פון דעם שרעקליכען מכשול לרבים, און ביי א מיטינג מיט צוויי יאר צוריק (בערך) פון דער "התאחרות הרבנים", אין וועלכער עס האבען זיך באטייליגט ארום צעהן (?!) רבנים, האט א באקאנטער רב המכשיר (זצ"ל) דערציילט אז ער האט אנגערופען "פראקטער און געמבעלס" זיך אנפרעגען וועגען דעם אופן ההשגחה ביי זיי אויף דעם רויען פראדוקט פון וואס דער כשר לפסח אויל ווערט געמאכט ביי נאט-אולא" האבען זיי אים געענטפערט אז שוין דריי יאר וואס קיין רב איז נישט געווען נאך צו קוקען די השגחה, וואס איז געווען - פארשטענדליך - לא הי' ולא נברא....און האט געדונערט בקול חוצב להבות אש אויף די מכשירים פון דעם אויל. איינער פון די רבנים המכשירים וועלכע האבען געהאט די "השגחה" אויף דעם אויל, האט אין גרויס פארלעגענהייט געענטפערט אז ער שטייט אין שטענדיגער טעלעפאנישער פארבינדונג מיט דער דערמאנטער פירמע, און אלעס ווערט פינקטליך געטשעקט, האט דער רב אים געפרעגט ווי גיט מען א הכשרים

ב"ה

טעלעפאניש ? זיינט לאנגע יארען פארלאזט מען זיך אויף טעלעפאנישע הכשרים?

אוי לאזניים שכך שומעות.....

ווייל די "השגחה" משעה צו משעה - ווייל די השגחה בלויז משעת עשי', ווייל די "השגחה" משעת ...
ארך אזוי גייט אן ווייטער די השגחה בלויז משעת עשי', .....עס איז סתם אויל ככל הגוים, ר"ל.....
קצירה איז בלויז א טעלעפאנישע.....עס איז סתם אויל ככל הגוים, ר"ל.....

אין איצט לעיקר המעשה, איצט איז נתגלה געווארען א נייע מעשה אז דער "באטאר לא"
אויל איז באר.....דער"פעדעראל-באדוערנמענט" סארפלוס אויל, וואס זי געט ארועק
פאר ארימע און קראנקע, צו פארטיילען צו זיי, איז לא די וואס דער אויל איז
לגמרי אן א השגחה, נור עס איז א אפענע גניבה פון דער ממשלה, און מען האט
אויף די רעגירונגס קענט, אויף וועלכע עס איז בפירוש אויפגעדרוקט אז דאס איז
נור פארטיילען צו ארימע און קראנקע, בחנם לא כסף, און אויף די זעלבע קענט
האט מען אויפגעקלייבט דעם הכשר פון דער "התאחדות הרבנים".

והאמת נתן להאמר, אז כ"ק אדמו"ר מסיגעט-סאטמאר שליט"א האט מיט איינינגע יאר
צוריק ארויס געזאגט א איסור לפסח אויף דעם "באט-אויל" אויל, אויף דעם סמך
וואס כ"ק זקנו הגאוה"ק בעל ייטב לב זצ"ל האט עס געאסר'ט (דעה, תשו' ביוה
שערים האו"ח סי' רס"ו) אבער די "התאחדות הרבנים" האבען אים דעמאלס - צוליב
תאות ממון פון דמי ההשגחה- שטארק באקעמפט אויף א מיאוס'ן אופן... אויך
הרב הגאון מדעברעצין שליט"א האט אין איינעם פון זיינע שבתהגדול דרשות געזאגט
אז דער אויל איז נישט כשר לפסח.

בר, ווי קען מען אזא שרעקליכע זאך פארשווייגען ?......

וונדער עמה איז, השומר נפשו ירחק ממנו....